גליון סג
פרשת בא תשפ"ד

# צום פינטל

משיעורי הרב שלום לאנגסאם שליט"א | בהוצאת מכון מישרים

## פרשה

### פרעה'ס בחירה - כופין עד שיאמר 'רוצה אני'

### עד שיאמר רוצה אני

אין די פרשה איז א גרויסע סוגיא וועגן די בחירה פון פרעה, די תורה זאגט 'כי אני הכבדתי את לבו', פרעגען אלע ראשונים איז אויב אזוי וואס ווילסטו פון פרעה, ער האט דאך נישט קיין בחירה, ס'איז דא אויף דעם דער מהלך פונעם רמב"ם און פון אנדערע ראשונים. איז לאמיר אנפאנגען מיט א סוגיא וואס ווערט געברענגט אסאך מאל אין הלכה, די סוגיא פון 'כופין אותו עד שיאמר רוצה אני', ווי ס'איז באקאנט אין הלכות גיטין און נאך פארשידענע פלעצער.

'כופין אותו עד שיאמר רוצה אני' האט גאר א שטארקע שוועריגקייט, וואס איז ווערד 'רוצה אני' אויב ס'איז געצוואונגעדהייט, ס'קוקט אויס ווי סתם א שפיל, מ'צווינגט ארויף אויף אים א 'רוצה אני' און מ'פארדרעכנט ווי ער האט עס געטון ברצון, ס'איז דאך א תרתי דסתרי, אדער צווינגסטו אדער 'רוצה אני'.

נאר פשט איז אז די כפיה וואס מ'צווינגט אים און די 'רוצה אני', זענען צוויי באזונדערע וועלטן, אפילו נאכן צווינגען איז נאך אלץ דא פלאץ פאר בחירה, אפילו נאכן צווינגען איז נאך אלץ דא א מקום פאר 'רוצה אני', די ביסט נאך אלץ בעל הבית צו זאגן צו די ווילסט יא אדער נישט.

די חז"ל זאגן ביים קויפן אז 'תלוהו וזבין' איז די מכירה א מכירה, אפילו מ'האט אים געצווינגען דערויף, וויל למעשה האט ער געזאגט 'רוצה אני', דער למעשה'דיגע בוחר איז דער מענטש זעלבסט, ס'מאכט נישט אויס צו ער איז געווארן געצווינגען אדער נישט, ער איז דער וואס זאגט 'רוצה אני', ער איז דער וואס איז בוחר.

דער אייבישטער זאגט אין די תורה אז אויב מ'וועט בוחר זיין ח"ו ברע וועט קומען 'עונשים', די עונשים האלטן צוריק דעם מענטש פון עבירות, די עונשים צווינגען דעם מענטש צו תשובה, זיי ווארפן א פחד און דריקן אים צום וואנט. אבער למעשה די בוחר זיין בטוב איז עפעס וואס נאר ער אליינס איז דער בעל הבית אויף דעם, נאר ער איז דער וואס זאגט 'רוצה אני'.

> **אפילו נאכן צווינגען איז נאך אלץ דא פלאץ פאר בחירה, אפילו נאכן צווינגען איז נאך אלץ דא א מקום פאר 'רוצה אני', די ביסט נאך אלץ בעל הבית צו זאגן צו די ווילסט יא אדער נישט**

נאך אלע צווינגעריי, דער ענדגילטיגער 'רוצה אני' איז דער מענטש אליין מיט זיין אייגענע בחירה, אזויווי מ'האט געזען להלכה אז אפילו ווען מ'איז כופה איז נאך אלץ שייך א 'רוצה אני', די זעלבע זאך אפילו ס'איז דא עונשים און מ'דריקט צום וואנט, נאך אלץ די בחירה פון יא אוןניין איז נאר ביד האדם.

### הכבדתי את לבו

מיט דעם יסוד לאמיר קומען צו אונזער פרשה, דער אייבישטער האט שווער געמאכט פרעה'ס הארץ, 'כי אני הכבדתי את לבו', דער רמב"ם (הלכות תשובה פרק ג) און אלע קדמונים פרעגען ווי האט מען געקענט אוועק נעמען פון פרעה די בחירה, דער רמב"ם גייט אז דאס איז געווען א עונש פאר פרעה, בתור עונש קען מען אמאל צו נעמען די בחירה פון א מענטש.

דער ספורנו זאגט פארקערט, די כבידות הלב איז געווען אז ס'זאל בלייבן א בחירה, די מכות מיט די כבידות הלב האבן זיך באלאנסירט, פרעה האט געדארפט אפמאכן מיט זיין בחירה וואס ער וויל, צו וועלכע זייט ער וויל נמשך ווערן (און אזוי זאגט מען נאך אויך פון דער בריסקער רב, עי' בבית הלוי בסוף פרשת שמות ד"ה לכאורה יש להבין, וכך איתה בהרבה ספרים ממחברי זמנינו).

דער אייבישטער מאכט אלעס, ער מאכט דעם מענטש און אלעס ארום, ער מאכט אויך דעם מענטש גוסטע פון אינדערוויניג, אבער די נקודה פון זאגן יא אדער ניין, דאס לאזט ער אלע מאל פארן מענטש. דער אייבישטער האט געמאכט פרעה אין א שלעכטע גיסטע, 'כי אני הכבדתי את לבו', דער אייבישטער האט אים געגעבן א פארקנאקטע און א פארשטאפטע הארץ, אבער סוף כל סוף די יא און דער ניין דאס האט פרעה אליינס געמוזט זאגן. די יא און די ניין איז די בחירה פונעם מענטש, וואס דאס איז א זאך וואס בלייבט אלעמאל איבער פאר מענטש זעלבסט.

### נאך אלעס ביסטו בעל הבית

משל למה הדבר דומה: א טאטע זאגט פארן קינד טו אזוי און אזוי, און טאמער נישט וועל איך דיר באשטראפן, דער טאטע קען נישט מאכן דעם קינד טון, ער קען נישט אנכאפן זיינע האנט און טון מיט אים, ס'גייט נישט אזוי, די איינציגסטע זאך וואס ער קען טון איז געבן עונשים פארן קינד, דאס איז אין זיין שליטה.

המשך בעמוד הבא

אבער אויף די יא און די ניין איז ער בהכרח נישט בעל הבית, די יא און די ניין איז נישט שייך אז די זאלסט טון פאר אים.

און דאס איז א כלל גדול אז ס'איז נישט שייך איינער זאל בעל הבית'ווען אויף די יא און די ניין פון א צווייטן, ס'איז נישט שייך צו מאכן יענעם טון וואס די ווילסט, מ'קען נישט יענעם אנכאפן און טון מיט אים צוזאמען בעל כרחו. אז די הייסט יענעם עפעס עסן, קענסטו נישט יענעם אָנכאפן און צווינגען צו עסן, די קענסט נישט ארײנשטיפן פאר יענעם די עסן אין מויל וכדומה, סך הכל וואס די קענסט טון איז יענעם גוט צו צורעדן. אדער געבן עונשים וכדומה, אבער די יא און די ניין זעלבסט, וועט אלעמאל בלייבן די מענטשעס אייגענע דיסיזשען.

אודאי איז דא אז איינער האט א שליטה אויפן צווייטן, איינער איז בכח צו געבן עונשים פארן צווייטן וכדומה, יעדער כפי אשר תשיג ידו, אבער פאר די יא און די ניין מוזסטו אלעמאל האבן דעם מענטש זעלבסט, נאר דער מענטש אליינס האט די בחירה אויף זיך, נאר ער איז דער בעל הבית צו זאגן דעם יא און דעם ניין.

פרעה האט פראבירט אלץ צו מאכן א חשבון הנפש, ס'איז אים געגאנגען זייער שווער, זיין הארץ איז געווען פארשטאפט, זיין הארץ איז געווען זייער איינזייטיג, אבער נאך אלעמען, די יא און דער ניין איז געליגן ביי אים, אויף דעם איז ער געבליבן מיט די פילע בחירה.

יציאת מצרים האט געדארפט צו גיין מיט די בחירה פון פרעה, פון ארום ארום האט דער אייבישטער אים געגעבן גוטע עונשים, אבער די יא און די ניין איז געבליבן אין פרעה'ס הענט, ער האט באקומען גוטע עונשים ביז ער האט זיך געבראכן און מיט די אייגענע רצון האט ער זיי ארויס געשיקט. ער האט אפגעמאכט אז ס'לוינט זיך אים די וועג ער האט זיי ארויסגעשיקט.

### עונשים ובחירה

אלעס מאכט דער אייבישטער, אבער די בחירה פון יא און ניין, דאס לאזט ער איבער פארן מענטש. דער אייבישטער געט שכר דער אייבישטער געט עונשים, ער טוט מיט דער מענטש וואס ער וויל, אבער די מינוט פון בחירה, די יא און ניין, דאס איז עפעס וואס ער לאזט אלעמאל איבער פארן מענטש.

אז דער מענטש האט בוחר געווען ברע געט אים דער אייבישטער 'עונשים', אבער בשעת ער האט בוחר געווען ברע איז די זאך געווען אינגאנצן בידו, שפעטער קומט דער אייבישטער כביכול און נעמט אים אפיר און באשטראפט אים.

שטייט אין פסוק 'ובחרת בחיים' כדי ס'זאל דיר זיין גוט, זאגן די חז"ל אז דאס איז כאילו ווי א מענטש לייגט די האנד פון זיין קינד אויף די גוטע חלק, און זאגט אים דאס זאלסטו זיך אויסקלויבן. דער אייבישטער לייגט קלאר אראפ פארן מענטש וואס ס'איז גוט און וואס ס'איז שלעכט, דער אייבישטער שטיפט דעם מענטש אויסצוקלויבן די גוטע, אבער מיט דעם אלעם איז די בחירה ביד האדם, די נקודה פון זאגן יא אדער ניין, די דאזיגע נקודה בלייבט אינגאנצן אין די הענט פונעם מענטש, דער מענטש איז אלעמאל דער וואס זאגט 'רוצה אני'.

ווען ראובן שטופט שמעון אין א געוויסע ענין, איז ווי סאך ראובן וועט אלץ אויפווייזן פאר שמעון וויאזוי צו טון - נאך אלע מעשיות - די יא און די ניין בלייבט אלעמאל ביי שמעון, ס'איז נישט מעגליך אז ראובן זאל זיין בעל הבית אויף דעם אנשטאט שמעון. ער קען שטיפן שמעון פון אלע זייטן, אבער נאר ביז די יא און די ניין, די יא און די ניין זעלבסט קען ער נישט זאגן אנשטאט אים.

ווען א מענטש איז בוחר האט ער אסאך זאכן אין חשבון, ער חשבונ'ט מיט שכר ועונש, ער חשבונ'ט מיט פארשידענע זאכן, 'הוי מחשב הפסד מצוה כנגד שכרה, ושכר עבירה כנגד הפסידה', אלעס העלפט צו צו די באלאנס פון זיין בחירה, צו קענען גוט אויסרעכענען די אמת פון די זאך, אבער סוף כל סוף די יא און די ניין איז עפעס וואס ער אליינס איז דאס שוקל, עפעס וואס איז אינגאנצן אין זיין אייגענע רשות, ער איז דער וואס מאכט אפ וואס ער וויל יעצט חשבונ'ן, ער מאכט אפ וואס ער וויל טון.

'כופין אותו עד שיאמר רוצה אני', צומאל האט די מענטש פארשידענע חשבונות וואס צווינגען אים, אבער דער ענדגילטיגער 'רוצה אני' דאס זאגט דער מענטש אליינס, די דאזיגע צוויי ווערטער 'רוצה אני', קען קיינער נישט זאגן פאר דיר.

דער אייבישטער האט איבערגעגעבן די בחירה פארן מענטש אז דער מענטש זאל נעמען די אחריות און ריספאנסעבילעטי אויף זיך, און אזוי האט ער דיזיינט דעם מענטש אז נאר ער אליינס קען זאגן דעם 'רוצה אני', ס'איז נישט מעגליך איינער זאל דאס זאגן פאר אים.

### פרעה מיט זיין בחירה

מ'זעט אז דער אייבישטער האט געלאזט די 'בחירה' פאר פרעה, ער האט נישט ארויסגעצויגן די יודן פון מצרים מיט געוואלד, ער האט געווארט אז פרעה זאל ארויס שיקן די יודן מיט זיין אייגענע בחירה. ווי די פסוק זאגט 'ויהי בשלח פרעה את העם', ס'איז צו געגאנגען אז פרעה איז געווען דער וואס האט זיי ארויסגעשיקט (אין מדרש שטייט אז ס'איז געווען 'ווי והוי' !!! אז 'פרעה' איז דער וואס שיקט ארויס די יודן, נישט דער אייבישטער אליינס כביכול).

אז דער אייבישטער קען ארויס נעמען פון מצרים בעל כרחו פון פרעה, דאס וואלט נישט געווען אזא גרויסע חידוש, דער אייבישטער קען דאך אלעס, דער עיקר חידוש איז געווען אז 'פרעה' אליינס וואס האט אינטערדריקט די יודן, פרעה וואס האט אזוי שטארק לוחם געווען, דער פרעה אליינס האט זיך געבראכן, דער פרעה אליינס איז זיך מודה אז ס'לוינט זיך זיי ארויסצושוקן.

ווען צוויי מדינות האלטן מלחמה פאר יארן לאנג, און דער שטארקער איז מכניע דעם שוואכערן מיט געוואלד, איז דאס נישט אזא גרויסע חידוש ווי ווען דער שוואכערער איז זיך אליינס מודה, ווען דער

המשך בעמוד האחרון

### אני הכבדתי את לבו

דער אייבישטער זאגט פאר משה רבינו דערשרעק דיך נישט פון די 'כבידות הלב' פון פרעה, 'בא אל פרעה כי אני הכבדתי את לבו', די שווערע 'כבידות הלב' זיינער האב איך געמאכט, דערשרעק דיך נישט פון דעם.

א מענטש מיט 'כבידות הלב' שלעפט ארויס די געדולד, משה רבינו קומט צו פרעה איינמאל און נאכאמאל, ס'רעגט שטארק אויף, וויפל איז די שיעור, וואס ביסטו אזוי הארט, וואס ביסטו אזוי פארשטאפט און פארקאנקט, די זעסט נישט די הערסט נישט, וואס גייט פאָר מיט דיר. וועגן דעם איז דער אייבישטער אזוי מזהיר משה רבינו פון פאראויס, גיי נישט ארויס פון דיין געדולד, זארג דיך נישט, דאס איז אויפציעל, אזוי קומט אז ס'זאל זיין, איך האב עס אזוי געמאכט.

אויף די כבידות הלב פון פרעה איז דא עטליכע לשונות, 'הכבדתי את לבו', 'ואני אקשה את לבו', 'ויחזק לב פרעה', ס'טוישן זיך די לשונות, נאך יעדער מכה שטייט איינע פון די לשונות, 'ויחזק לב פרעה', 'והכבד לב פרעה', 'ויחזק ה' את לב פרעה', לשונות פון כבידות און חוזק הלב. אלע לשונות ברענגען ארויס דעם זעלבן ענין, אבער 'כבידות הלב' זאגט עפעס במיוחד, א שווערע הארץ, וואס איז דאס 'כבידות הלב'.

כבידות הלב איז א מענטש וואס מ'קען נישט רירן פון פלאץ, ס'איז דא אזא כח אינעם מענטש וואס דער מענטש קען זיך פארמאכן אז ס'העלפט נישט קיין 'פדינו ומצילנו', קענסט אים מסביר זיין שווארץ אויף ווייס, קענסט זיך בעטן ביי אים מיט א רחמנות, ס'העלפט נישט קיין פדינו ומצילנו, די הארץ איז פארקנאקט, ס'איז א כח בלב, די לב האט א כח ארייצוגיין אין א כבידות, אין א פארשטאפט קייט און אין א פארמאכטקייט אז די קענסט אים נישט רירן.

### כבידות הלב ותנועה

'כבידות הלב' איז פארקערט פון 'שכל', אינעם שכל איז דא א 'תנועה', ס'איז דא צוויי צדדים, מ'טראכט אדורך וועלכע צד איז מער מסתבר, וועלכע צד וואלט זיך ענדערשט געלוינט, מ'טראכט אהער מ'טראכט אהין. אבער 'כבידות הלב' האט נישט קיין תנועה, 'כבידות הלב' איז א פארמאכטקייט צו א נקודה, מ'קען נאר הערן די אייגענע צד, מ'האלט זיך פאראהאקט צו איין זייט און מ'לאזט נישט א 'תנועה' בלב צו הערן נאך א צדד.

אזוי ווי ווען די אברים פונעם גוף זענען שווער, למשל די הענט זענען שווער, מיינט דאס אז די הענט האבן א שוואכע כח התנועה, אזוי אויך מיט די הארץ, אז די הארץ איז שווער מיינט דאס אז די הארץ האט א שוואכע כח התנועה, די הארץ איז איין זייטיג, ער קען נישט גיין אהין און צוריק.

אין 'כבידות הלב' איז פארשטייט זיך דא גאר אסאך דרגות, ווי מער די הארץ קען פארטראגען פארשידענע פארקערטע צדדים, מיינט דאס אז די הארץ האט א שטערקערע 'תנועה', און ווי מער איין זייטיג די הארץ איז, מיינט דאס אז ס'איז דא מער 'כבידות', מער 'קושי' און 'חוזק הלב'. און ביי פרעה איז דאס פארשטייט זיך געווען אויף גאר גאר א שלעכטע דרגא, ווי די פסוקים חזר'ן די נקודה נאכאמאל און נאכאמאל די שטארקע חוזק און כבידות הלב פון פרעה.

### בעל הבית אויף די כבידות

'כבידות' איז מלשון 'כובד ראש', פארקערט פון 'קלות ראש', 'כובד ראש' איז גאר א גוטע זאך, א מעמד ומצב פון 'יראת הכבוד', פארקערט פון 'קלות ראש' וואס איז א לייכטקייט וואס מ'זעט מער ביי פשוט'ע מענטשן.

א גוטע 'כבידות הלב' מיינט אז דער מענטש איז 'בעל הבית' אויף דעם, ער איז 'בעל הבית' ארויסצוגיין פון די כבידות, אזויווי די כבידות פון אינדערפרי וואס צוביסלעך לעבט ער זיך אויף, ער ארבעט צוביסלעך אויף די 'כבידות' און גייט צוביסלעך ארויס דערפון. א שלעכטע 'כבידות הלב' איז נאר ווען די 'כבידות הלב' איז בעל הבית אויף אים.

יעדער איינער האט צופרי א געוויסע דרגא פון כבידות, דער וואס טרעפט זיך מיט וואס עס אויפצולעבן, איז פשט אז ער איז דער בעל הבית אויף זיין כבידות, און דער וואס קען זיך נישט אויפהייבן איז פשט אז די כבידות בעל בית'ועט אויף אים. אביסל הארטקייט בלב איז א גוטע זאך, יעדער מענטש קען דאס נוצן, 'אל יתבייש מפני המלעיגים וכו'', אבער נאר ווען די הארטקייט איז בידו, ווען ער איז דער 'בעל הבית' אויף דעם, נישט ווען דער 'כבידות' און הארטקייט ווערט בעל הבית אויף אים.

**אינעם שכל איז דא א 'תנועה', ס'איז דא צוויי צדדים, מ'טראכט אדורך וועלכע צד איז מער מסתבר, וועלכע צד וואלט זיך ענדערשט געלוינט, מ'טראכט אהער מ'טראכט אהין. אבער 'כבידות הלב' האט נישט קיין תנועה**

### כבידות הלב וחוש השמיעה

'כבידות הלב' מאכט בעיקר קאליע די 'כח השמיעה', ענדליך ווי די פסוק זאגט (ישעיה פרק ו י) 'השמן לב העם הזה ואזניו הכבד וגו'', אז די הארץ איז פעטיג און שווער, און ס'מאכט אז אויך די אויערן זאלן זיין שווער. ווי מ'זעט אין די פסוקים דא ביי פרעה ווי די כבידות הלב האט געשטערט די כח השמיעה זיינער אז ער זאל זיך נישט קענען צוהערן צום אייבירשטן.

די פסוק זאגט (שמות ז יג) 'ויחזק לב פרעה ולא שמע אלהם', 'לא שמעת עד כה' (שם טז), ויחזק לב פרעה ולא שמע אלהם (שם כב) והכבד את לבו ולא שמע אלהם (שם ח יא) ויחזק לב פרעה ולא שמע אלהם' (שם טו). א גאנצע צייט גייט דאס צוזאמען די כבידות הלב מיט די כח השמיעה.

ווייל נישט די אויערן זענען די וואס הערן, ס'איז די לב וואס נעמט עס אריין, א מענטש מיט 'כבידות הלב' איז אים די לב צו שטארק פארמאכט, ער פארלירט די כח השמיעה. בפרט ווען ס'וועט קומען צום אייבירשטן דארף דער מענטש הערן און אריינעמען מיט א לייכטקייט, ער דארף זיין דער 'בעל הבית' צו האבן א 'קלות הלב' קעגען דעם אייבירשטן, אריינצולאזן דעם דבר ה' אין זיך לייכטערהייט.

### כבידות הלב וחולי הנפש

שטייט פון די בעלי מוסר אז פרעה איז אריינגעפאלן אין א חולי הנפש, אויסער די כבידות הלב אויף ארויסצושיקן די יודן,

המשך בעמוד הבא

## ענינים

המשך

אויסער דעם איז די גאנצע מציאות פון פרעה אריינגעפאלן אין א כבידות הלב, די נפש פון פרעה און אפילו די גוף זיינער, זיין גאנצע מציאות איז געווען איין שטיק צוקלאפט און פארקנאקט. מ'קען זיך פארשטעלן ווי גרויס פרעה איז געווען פארדעם, און ווי שטארק די גאנצע מעשה האט געהאט א 'עפעקט' אויף אים, אז ער איז פשוט אריינגעפאלן אין א כבידות פון א חולי הנפש.

א געזונטע מענטש האט א שטארקע 'כח התנועה', ער טוט און מאכט און ערלעדיגט, ער גייט און קומט וכו'. א קראנקע מענטש ל"ע פארלירט די כח התנועה, ער פאלט אריין אין זיך אריין, ער פארלירט די כח פון ארויסצוגיין און זיך ארויסגעבן, ער פאלט אריין אין זיין הארץ אריין, די הארץ פארמאכט זיך אפצוהוטן דאס וואס ער האט יא.

אזוי איז ביי חולי בגוף, און די זעלבע זאך אויך ביי חולי הנפש, איינער וואס האט א חולי הנפש פארלירט די כח התנועה, די כח פון ארויסגיין און זיך ארויסגעבן, ער פאלט אריין אין זיך אריין אפצוהיטן וואס ער האט יא אז ס'איז אים נישט מעגליך ארויסצוגיין און זיך ארויסגעבן. און פארשטייט זיך אז 'כבידות בנפש' ברענגט נאכדעם א כבידות אויך אינעם גוף, ס'שלעפט אראפ דעם גאנצן גוף אין זיך אריין, ס'פארמאכט די תנועה פון ארויס.

מצרים איז דעמאלטס געווען די שפיץ פון די וועלט, די שפיץ פון די 'עקאנאמי', און פרעה אין שפיץ פון דאס אלעס. ביי די הונגער יארן האט די געלט פון די וועלט אריינגעפלאסן קיין מצרים, א גאנצע פאלק פון עבדים האבן זיי געהאט אונטער זיך פאר אומזיסט, און פרעה איז געשטאנען אין שפיץ פון דעם, גאנץ מצרים זענען דאך געווען עבדים פאר פרעה, מ'קען זיך נישט פארשטעלן די מצב ה'גאוה' אין וואס פרעה האט זיך דעמאלטס געפונען.

און דא קומען משה ואהרן, זיי פאנגען אָן צו ווארענען, די מכות פאנגען אָן קומען איינער נאך די אנדערע, ער כאפט אריין 'מכות רצח', ער דרייט זיך ארום צומישט, יא ארויסלאזן די יודן נישט ארויס לאזן, ער קען נישט שלאפן ביינאכט פון צומישקייט, פרעה איז פשוט אריינגעפאלן אין מורא'דיגע נפשיות'דיגע פראבלעמען.

אזוויי א עושר וואס איז געווען ברום המעלה, און איין טאג איז געווארן ל"ע א יורד, אזא מענטש ווערט זייער שטארק גדעמיטשט בנפש, די קאפ שווינדלט אים, ענדליך צו דעם איז פרעה געווען, ער איז געווען ברום המעלה און דא כאפט ער אזעלכע קלעפ אז ער ווייסט נישט אין וועלכע וועלט ער געפינט זיך, דאס האט אים גאר שטארק 'עפעקטיט' בנפש, און דאס איז אלעס אין כלל פון די 'כבידות הלב' זיינע.

## פרשה

המשך

שוואכערער קומט און געבט זיך איבער פארן שטערקערן, דאס איז אסאך א גרעסערע חידוש.

די פסוק זאגט 'בעבור זאת העמדתיך וגו', למען ספר שמי בכל הארץ', דער אייבישטער האט נישט ארויסגעצויגן די יודן אויף איינמאל, און ערלעדיגט פרעה בעל כרחו, ער האט געוואלט אז פרעה אליינס זאל כאפן התפעלות ווי שטארק דער אייבישטער קען אים מעניש זיין. פרעה זאל זען ווי גרויס ער האט געמיינט אז ער איז, און ער זאל זיך מודה זיין אויף זיין גרויסן טעות.

פאר פרעה איז געווען זייער שווער צו ארויסלאזן אזוי סאך עבדים, מיליונען עבדים ארויסצולאזן אויף איינמאל איז דאך א מורא'דיגע הפסד פאר די מלוכה קאסע, האט דער אייבישטער געזאגט אז מ'זאל בעטן פון פרעה ארויס צו גיין פאר א עטליכע טעג, דאס האט שוין פרעה געקענט דערהערן, אויף דעם האט שוין פרעה געהאט א בחירה.

ס'איז געווען גרויסע ניסים אין מצרים, אבער אלעס איז געווען פארשטעלט און פארדעקט אז פרעה איז געבליבן מיט א בחירה, פרעה איז געזעצן און געטראכט, משה איז מער ווי די כישוף מאכערס אדער נישט, זיין קאפ האט זיך אים געדרייט אויף אלע וועגן, נאכדערצו מיט זיין פארשטאפטע הארץ וואס ער האט קוים געקענט טראכטן גראד.

אבער נאך אלעמען איז ער געווען דער וואס האט אפגעמאכט ביי מכות בכורות אז דאס איז עס, דאס זענען כוחות אין וואס איך האב נישט קיין השגה, און איך גרויסער פרעה בין זיך מכניע פאר דעם קליינעם משה, און ברצונו האט ער ארויסגעשיקט די יודן, סוף כל סוף האט ער געזאגט דעם 'רוצה אני'. אויף דעם האט מען געוואוירט, אז פרעה מיט אלע זיינע כוחות זאלן זיך מכניע זיין פאר כלל ישראל, דאס איז די חשיבות אז דער גרויסער 'ניין' זאגער, זאגט שוין ענדליך א גרויסן 'יא'.

**➧ נא לא לקרוא הגליון בעת התפילה וקריאת התורה ➧**

**לשמוע שיעורי הרב שליט"א בקול הלשון - 1-646-655-0559**

**אויף אידיש 1,**

**1.** שיעורים מהתקופה האחרונה | **2.** שיעורים | **3.** דיבאטעס | **4.** יום יומי שיעורים | **5.** על הפרשה | **6.** משנה וגמרא | **7.** הלכה | **8.** מוסר וחסידות |
**9.** סיפורי צדיקים | **10.** אינטערסאנטע טאפיקס | **11.** שבת | **12.** מועדים | **13.** נשואין | **14.** פארברענגען | **15.** מדרש | **16.** סליידס (שקופיות) | **17.** הצגות

**אויף נ"ך 2 - שיעורים על רוב תנ"ך.**

**אם ברצונכם לקבל הגליון במייל בכל שבוע, נא לפנות: zum-pintel+subscribe@googlegroups.com**
**או לשלוח בקשה: shalomlangs@gmail.com**

**לנדב הגליון לברכה והצלחה או לפרסם בו, וכן הרוצה להזמין את הרב שליט"א למסור שיעורים בישיבות ובכוללים,**
**נא להתקשר למכון מישרים 845-362-4982, או לשלוח מייל shalomlangs@gmail.com**

עיצוב: י. ב. 972-50-413-8477+